NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08214

YONTOYVIM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קינדער ביבליאָטעק
סעריע ג. ערשטער העפט

ימים-טובים

מעשיות און דערציילונגען

אילוסטראציעס: אַרטור שיק און א. מ. ליליען

*

ארויסגעגעבן פון דעם
קאָמיטעט צו קאָאָרדינירן דעם יידיש-וועלטלעכן שולוועזן אין ארגענטינע
בוענאָס איירעס, 1948

אינהאלט:

●

פון די ארויסגעבער — — — — — — — — — — — — — — 3
שלום דערציילט, ווי ער איז געזעסןביים סדר
פון שלום עליכם — — — — — — — — — — — — — — 5
אין דער נאכט פון פסח
פון יעקב פאט — — — — — — — — — — — — — — 7
פסח אין ירושלים
פון שלום אַש — — — — — — — — — — — — — — 13
יום־טוב
פון ל. חיין — — — — — — — — — — — — — — 15
רב אמנון
פון י. גרויכבערג — — — — — — — — — — — — 23
די וואונדער־געשיכטע פון חנוכה
פון א. ליעסין — — — — — — — — — — — — — 26
די חנוכה ליכט (ליד)
פון מ. ראָזענפעלד — — — — — — — — — — — 32

געזאמלטער לייען־מאַטעריאַל צוגגרייט צום דרוק פון חיים פינקעלשטיין און ע. שמערקאָוויטש.

אילוסטראציעס אויסגעבאָרגט פון איוואָ — בוענאָס־איירעס.

פון די ארויסגעבער

די ביכלעך „קינדער־ביבליאָטעק" גיט ארויס די קאָאָרדינירֿקאָמיסיע פון די וועלטלעכע יידישע שולן אין ארגענטינע. די דאָזיקע קאָמיסיע איז געשאפן געוואָרן מיטן צוועק צו פאראייניהייטלעכן, אין א געוויסער מאָס, די טעטיקייט פון די וועלטלעכע יידישע שולן, כדי מיט געמיינזאמע כוחות און מיטלען צו פארשטארקן די יידישע דערציונגס־ארבעט און געמיינזאם אויספילן אסך בלויזן, וועלכע מוזן באזייטיקט ווערן, כדי דאָס יידישע שול־וועזן זאָל זיך קענען אנטוויקלען און די ארבעט אין די שולן זאָל געבן די געהעריקע און געווּנטשענע רעזולטאטן.

איינער פון די וויכטיקסטע בלויזן אין דער יידישער שול־ארבעט איז דער מאַנגל אין לערן ־און־לייען־מאטעריאל פאר די תלמידים אין די שולן. דעריבער טאקע הייבט אָן די קאָאָרדינירֿקאָמיסיע איר טעטיקייט מיט ארויסגעבן א סעריע זאמל־העפטן פון דערציילונגען, מעשיות און לידער, צוגעפאסט צום כאראקטער און גייסט פון א ל ע יידישע שולן און נוציק פאָר אלע יידישע קינדער און יוגנטלעכע.

די קאָאָרדינירֿקאָמיסיע נעמט אויף מיט פרייד אלע ארבעטן און איניציאַטיוועס אויפן דאָזיקן געביט און זי איז גרייט אלע די ארבעטן צו שטיצן, ווייל די פארלאג־טעטיקייט פון דער קאָאָרדינירֿקאָמיסיע איז נישט צו פארבייטן די ארבעט פון אנדערע, נאָר זי צו דערגאנצן און אויסברייטערן. און אזוי ארום דורך קאָנקרעטע מעשים שאפן א ברייטע ראַם פאר א געמיינזאמער טעטיקייט פון אלע שול־טוער לטובת אלע שולן.

די „קינדער ביבליאָטעק" שטעלט זיך פאר א ציל ארויסצוגעבן קליינע זאמלונגען פון די בעסטע יידישע שאפונגען פון פארשיידענע מחברים און אויף פארשיידענע טעמעס. די ביכלעך וועלן זיין צוגעגלעך פאר אלע קינדער, און אין זיי וועלן די יונגע לייענערס געפינען א דערגאנצונג צו די לימודים אין דער שול און וועלן פארייניגט ווערן

מיטן געדרוקטן ייִדישן וואָרט, מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, און וועלן אַדאַנק דעם דערנענטערט ווערן צו די קוואַלן פון ייִדישן גייסטיקן שאַפן.

די ערשטע פיר ביכעלעך: קאַפּיטלען פון שלום עליכמס „מאָטל פּייסי דעם חזנס", לייבל חיין — דערציילונגען פון ארץ ישראלדיקן לעבן און קאַמף; קאַפּיטלען פון א. סוצקעווערס „ווילנער געטאָ" און „מעשיות און דערציילונגען וועגן ייִדישע ימים טובים", מיט וועלכע די קאָאָרדינירקאָמיסיע הייבט אָן איר פּאַרלעגערישער אַרבעט, וועלן געוויס אויפגענומען ווערן מיט דער געהעריקער פאַרשטענדעניש פון די לערערס, פון די שולטוער און דער עיקר פון די תלמידים פון די ייִדישע שולן, פאַר וועמען די דאָזיקע זאַמל־העפטן ווערן אַרויסגעגעבן. די קאָאָרדינירקאָמיסיע גלויבט, אַז מיט די און מיט די נאָכקומענדיקע אויסגאַבן וועט באַרייכערט ווערן די ייִדישע שול־ביבליאָטעק, און גלייכצייטיק אויך טויזנטער ייִדישע היימען, מיט פּאַסיקן לייען־מאַטעריאַל, און דאָס וועט דעריבער געוויס זיין אַ באַדייטנדיקער צושטייער צו דער אַרבעט פאַר דער ייִדישער שול און פאַרן גאַנצן ייִדישן קולטור־לעבן בכלל.

די אַרויסגעבער

שלום עליכם

שלום דערציילט, ווי ער איז געזעסן ביים סדר

א.

— ווייסטו וואָס, קינד מיינס? זאָגט צו מיר די מאַמע, לייג זיך צו, שלאָף זיך אוים, וועסטו קאָנען זיצן ביים סדר, וועסטו פרעגן דעם טאַטן די קשיות.

— משוגע בין איך? פאַרן סדר וועל איך גיין שלאָפן?

— געדענק זשע, פּסח צום סדר טאָר מען נישט שלאָפן. וואָרום טאָמער, חלילה, ווערסטו אַנטשלאָפן ביים סדר, אַזוי קומט אליהו הנביא מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס... פּסח ביינאַכט גייט אַרום אליהו הנביא און קוקט, ווער עס שלאָפט ביים סדר, דעם נעמט ער צו אין זאַק אריין.

— כאַ, כאַ! איך וועל אַנטשלאָפן ווערן ביים סדר? איך?

און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט? און אַפילו ביזן ווייסן טאָג אַריין? ווי אַזוי איז געוועזן, מאַמע, פאַראַיאָרן?

— פאַראַיאָרן ביסטו אַנטשלאָפן געוואָרן באַלד נאָך קידוש.

— פאַרוואָס זשע איז נישט געקומען צו מיר דעמאָלט אליהו הנביא מיטן זאַק?

— דעמאָלט ביסטו נאָך געווען אַ קלייניקער, היינט ביסטו אַ גרויסער, היינט דאַרפסטו פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות, היינט דאַרפסטו עסן מיט אונדז פיש און יויך און קניידלעך... שאַ — אָט גייט דער טאַטע פון שול.

ב.

דער טאַטע האָט אָפגעמאַכט קדוש. איך אויך. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטן כוס. איך אויך: און דווקא אַ פולן כוס, און דווקא ביזן דעק.

— זע נאָר, ביזן דעק! זאָגט די מאַמע צום טאַטן. און מיר זאָגט זי: „אַ פולן בעכער מיט ווייַן? וועסט אַנטשלאָפן ווערן!"

— כאַ, כאַ! איך וועל אַנטשלאָפן ווערן? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט? און אפילו ביזן ווייסן טאָג אַריין? אַנו, פרעג דעם טאַטן, ווי אַזוי האָב איך אָפגעקלאַפּט די פיר קשיות? ווי אַזוי־שאָקל איך זיך איבערן סידור און זאָג מיטן טאַטן די הגדה?

און די מאַמע לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון מיר. זי שמייכלט און זאָגט צו מיר: „וועסט אַנטשלאָפן ווערן, וועסט אַנטשלאָפן ווערן!"

וואָס זשע מיינט איר? איך בין טאַקע אַנטשלאָפן געוואָרן.

יעקב פּאַט

אין דער נאַכט פון פּסח

(קינדער פון געטאָ)

די געטאָ־קעמפער זיינען געווען צעטיילט אין „פינפערלעך” יעדע גרופּע קעמפער פון פינף האָט געהאַט אַן עלצטן. לייבושל איז אינגאַנצן אַלט געווען דרייצן יאָר און ער איז געווען דער זעקסטער צו פינף. ווען די מלחמה וועט זיך אָנהויבן וועט ער דאַרפן צוטראָגן די פלעשער מיט בענזין. אַז מען שיסט אַריין ריכטיק די פלאַש מיט בענזין אין נאָז פון טאַנק, איז גוט — צינדט זיך אָן דער טאַנק און בלייבט שטיין. אויב די דייטשן פון טאַנק זיינען נאָך ניט פאַרברענט געוואָרן, קאָן מען זיי דערשיסן. דער עלצטער פון פינפטל איז געווען יאַנקל פון מילע גאַס. אַלע גאַס־אינגלעך האָבן יאַנקלען ליב געהאַט. צוויי פינגער אין יאַנקלס מויל און אַ פייף, זיינען גלייך אַלע אויף די פיס. לייבושל האָט פון יאַנקלען ניט אָפּגעטראָטן.

ס'„פינפטל”, וואו לייבושל איז געווען דער זעקסטער, איז גע־זעסן אין „שעלטער”, גרייט אַף דעם ערשטן סיגנאַל. אין דרויסן איז געווען אַ באַהאַלטענע וואַך, וועלכע האָט געדאַרפט אָנזאָגן, וואָס דער קאָמענדאַנט פון די קעמפער אויף דער מילע גאַס וועט באַפוילן. דער שעלטער איז געווען אויסגעמויערט טיף אונטער דער ערד. פון אויבן האָט מען גאָרניט געקאָנט דערקענען.

לייבוש איז דער באַלעבאָס איבער די פלעשער בענזין. ער ווייס גאַנץ גוט, ווי מען דאַרף אָננעמען די פלאַש באַם העלדזל און טאָן אַ שמייס אין טאַנק אַריין. טוט זיך אַ כאַפּ אַרויס אַ פייער און עס בלייבט שטיין דער טאַנק אויפן מיטן גאַס. וואַרפן די פלעשער וועלן אַנדערע, ער וועט זיי נאָר דערלאַנגען. ער וואָלט וועלן אַליין

וואַרפן, ווייל ער איז זיכער, אַז ער וועט אַריינשליידערן ריכטיק. ניט אומזיסט האָט לייבושל געלערנט פאַר דער מלחמה אין דער פאָלקס שולע, ניט אומזיסט איז ער געווען דעמאָלט זומער צייט, פאַר דער מלחמה, אין דער קינדער־רעפובליק, און ניט אומזיסט איז ער געווען אין „קינדער־נעסט" פון זייער הויף מילע פינף און פערציק. זיין טאַטן און זיין מאַמען האָט מען שוין לאַנג אַוועקגעפירט מיט די וואַגאָנעס און זיי לעבן שוין ניט. זיין שוועסטער מירל איז ערגעץ־וואו — ער ווייסט נישט וואו. ער איז איינער אַליין. ער איז אָבער מיט יאַנקלען, ער איז אין „פינפטל" פון דער מילע גאַס נומער איינ־אונפופציק.

לייבוש האָט גאָר אָן דעם פאַרגעסן. פּסח, סדר, מצות, ווייַן, די קשיות, די נים, דער טאַטע, די מאַמע, די ליכט, דאָס ווייסע קיטל, די הגדה — דאָס איז געווען אַמאָל, אַמאָל, שוין זייער לאַנג. היינט איז דאָס נישטאָ, היינט האָט מען באַמבעס, רעוואָלווערן און פלעש־לעך בענזין.

אין שעלטער איז זייער טונקל. עס ברענט אַ קליין ליכטל און פון דעם ווערט נאָך געדיכטער די טונקלקייט אַביסל ווייטער פון ליכטל. אַז מען קוקט זיך איין לאַנג־לאַנג אַרויסצו, אין דער טונקל־קייט, קאָן מען זען אַ טיש אַ ווייסן, ליכט, מצות, פיש.

— אין האַלבער נאַכט — זאָגט מאַרעק ווייטער — זיינען שטענדיק געשען נסים, אַזוי שטייט אין דער הגדה.

אין דער רגע האָט מען געקלאַפּט אין שעלטער לויט אָפּגערעדטע צייכנס. די וואַך האָט געלאָזט וויסן:

— זייט גרייט. דייטשע, אוקריינישע און לעטישע פּאַטרולן זיי־נען אַרום די געטאָ־מויערן. זאַלבעצווייט און זאַלבעדריט גייען אַריין דייטשע סאָלדאַטן אין געטאָ.

עס איז דורך אַ ציטער איבער די ביינער. לייבושל איז צוגע־פאַלן צו זען, אויב די פלעשער מיט בענזין זיינען גרייט.

א. מ. ליליען

פסח

און אַ שעה שפּעטער האָט די וואַך ווידער אָנגעזאָגט:

— גייט אַרויס אויף אייער פּאָסטן.

מען איז אַרויס דרויסן. עס איז נאָך געווען נאַכט, אָבער טאָג האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַריינצומישן. פינצטערניש האָט זיך געמישט מיט שטיקלעך ליכטיקייט.

יאַנקל מיט זיין „פינפטל" שטייען שוין אויף די באַשטימטע פּלעצער. יעדער איינער איז אין אַן אַנדער טויער. לייבושל שטייט אויך אין אַ טויער מיט אַ קוישל פלעשלעך מיט בענזין. באַלד וועט זיך דאָס אָנהויבן. באַלד וועט זיין די מלחמה.

עס איז שוין פולער פאַרטאָג, עס איז שוין זעקס אַזייגער. אויף מילע גאַס זעט מען נאָך נישט קיין דייטשן. דאָ זיינען דאָ נאָר קעמפער אין די טויערן. דאָרט, אַרויפצו, וואו די מילע גאַס קומט אַרויס צו די נאַלעווקעס, שטייט אַ הויכע באַריקאַדע — אַ וואַנט פון שטיינער, קלעצער, ברעטער, דראָט, ציגל.

צוויי טויזנט דייטשע סאָלדאַטן האָבן זעקס אַזייגער פאַרטאָג אַריינגעמאַרשירט אין געטאָ מיט טאַנקן, מיט שנעל־שיסנדיקע האַרמאַטן. נאָך זיי זיינען נאָכגעפאָרן דריי וואַגנס אָנגעפילט מיט אַמוניציע. עס איז אויך נאָכגעפאָרן אַן אַמבולאַנס פון דייטשן רויטן קרייץ.

טאַך־טאַך־טאַ־ראַ־ראַ־ראַך — מען הערט ווי מען שיסט, ווי עס קנאַלט, באָמבעס רייסן אויף. די גאַס טרייסלט זיך. די טויערן טרייסלען זיך. שויבן פליען פון די פענצטער. שוין. די מלחמה האָט זיך שוין אָנגעהויבן. זי האָט זיך אָנגעהויבן דאָרט ווייטער, אַרויפצו, אַף די נאַלעווקעס. דאָ אויף מילע גאַס, זעט מען נאָך נישט די מלחמה, נאָר מען הערט איר. באַלד קומט אַ קוריער און זאָגט אָן:

— אונדזערע אַטאַקירן די הויפּט קאָלאָנע פון די דייטשן. טויטע דייטשן ליגן אויף דער גאַס. זייט גרייט!

אוודאי איז מען גרייט. מער פון אַלעמען איז גרייט לייבושל. ער האָט שוין געזען ווי די דייטשן האָבן געשלעפּט יידן אין די וואַגאָנעס. ווי זיי האָבן געטריבן די יידן איבער די גאַסן, ווי זיי האָבן

געשאָסן אויף די הויפן, ווי זיי האָבן געקנאַקט איבער די קעפ מיט גומענע שטעקנס. לייבושל ווייס עס. ער האָט גענוג קלעפּ געקראָגן. גענוג מאָל האָט ער זיך געראַטעוועט פון טויט. איצט איז די צייט מלחמה צו האַלטן:

— טויט, אָדער רויט!...

זעקס שעה האָט ווייט־אַרויפצו געדויערט די ערשטע מלחמה. די דייטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן און איבערגעלאָזן אַף דער ערד אַ סך געהאַרגעטע. עס איז געוואָרן שטיל. מען האָט אָבער געוואוסט, אַז אַ ליאַדע מינוט קאָן די מלחמה אויסברעכן ווייטער. יאַנקל און זיין „פינפטל" זיינען געשטאַנען אין די טויערן פון מילע גאַס און געוואַרט. לייבושל מיט די פלעשער אויך.

די דייטשן האָבן געוואַרט אויפן פאַרנאַכט. מילע גאַס איז געלעגן אַ פּוסטע און געוואַרט. דאָס איז געווען ריכטיק די צייט, ווען מען דאַרף זיך שוין גרייטן צום ערשטן סדר.

אין דער רגע האָט זיך דאָס אָנגעהויבן ווידער. פריער הערט מען נאָר. מען הערט ווי עס פאָרט עפּעס זייער שווער. די גאַס וויגט זיך פון שווערן פאָרן. יאַנקל האָט אַריינגעלייגט ביידע פינגער אין מויל און האָט אַ פייף געטאָן. עס איז געווען ניט אַ פייף, נאָר אַ שניט מיט אַ מעסער איבער דער גאַנצער מילע גאַס:

— „עס הויבט זיך אָן!"...

מען זעט שוין ווי עס פאָרט פאָרויס לאַנגזאַם אַ דייטשער טאַנק. נאָך אים פאָרן צוויי קלענערע טאַנקן. זיי קומען אַלץ נעענטער.

פון דעם ערשטן מויער האָט אָנגעהויבן מאַרעק. ער האָט אַ שליידער געטאָן איין פלאַש, דער טאַנק גייט ווייטער. פון אַ דאַך שליידערט מען אַראָפּ אַ באָמבע, וואָס רייסט אויף. לייבושל האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז אויפן דאַך ליגן אויך אייגענע. דער טאַנק איז נאָך אַלץ שטאַרק, ער פאָרט ווייטער. ער פאָרט און שיסט, ער שיסט אַף ביידע זייטן.

זעט לייבושל ווי פון צוויי טויערן לאָזט זיך חברה גלייך אויפן

טאנק מיט פלעשער בענזין. לייבושל וועט איצט מער ניט שטיין און גארנישט טאן. וואס שטייסטו, לייבוש, ווי א ליימענער גוילעם, עס איז דאך שוין די ריכטיקע מלחמה!... — האט ער אויך געטאן א כאפ א פלאש מיט בענזין און ארויסגעלאפן אינמיטן דער גאס. ער לויפט גלייך צום מויל פון טאנק. זיין לעבן הענגט אויף א האר. ער לויפט אזוי ווי ער וואלט גארניט וויסן, אז אט באלד קאן ער דערהרגעט ווערן פון טאנק. יאנקל קאן אים שוין ניט אפשטעלן. יאנקלען ציטערט דאס הארץ פאר לייבושלען. דריי לויפן זיי מיט פלעשער בענזין. לייבושל איז איינער פון די דריי. איצט מוז מען זיך גוט צילעווען, מען מוז זען וואס מען טוט. אויף א רגע הענגט די גאנצע וועלט. האק אריין! דערלאנג! טרעף!

א קנאל, א טראסק, און עס טוט א פראל ארויס א פלאם.

— איך!... איך!... — שרייט לייבושל — איך!... איך!...

נאך דעם ערשטן פלאם לויפן אנדערע פלאמען. דער גאנצער טאנק ווערט באלד ארומגענומען מיט א פלאם פייער. א שטיק פייער שטייט און ברענט אינמיטן דער מילע גאס, קעגניבער מילע איינונ־פופציק, וואו עס איז געווען אמאל די פאלקס שולע אין וועלכער לייבושל האט געלערנט.

חברה לויפט ארויס פון די באהעלטענישן און קנאלן ארום מיט רעוואלווערן, טאמער לעבן נאך די דייטשוקעס אפן טאנק. די צוויי קלענערע טאנקלעך ציען אפ הינטער זיך. שרייט לייבושל מיט אלע כוחות צו די דייטשן, וואס ציען זיך צוריק:

— ברעכט הענט און פיס!... מיטן קאפ אין דער ערד אריין!... דייטשוקעס!...

יאנקל האט א כאפ געטאן לייבושן און געשריען צו אים מיט שמחה:

— ביזט א מזיק... ביסט ווערט א מעדאל...

— עס איז דאך מלחמה — האט לייבושל געזאגט צוריק.

די דייטשן זיינען מער ניט געקומען דעם אוונט. אז עס איז נאכט

געוואָרן, האָט מען אָנגעזאָגט פון דער באַריקאַדע אויף דזשיקע גאַס, אַז מען קאָן גיין רוען אין שעלטער. אַ וואָך וועט זיין איבער דער גאַס.

זיי זיינען ווידער געווען אין שעלטער אַלע פינף, און לייבושל אַ זעקסטער. עס האָט ווידער געברענט אַ קליין ליכטל. לייבושל איז נאָך אין זיין גאַנצן לעבן ניט געווען אַזוי שטאָלץ, ווי איצט.

עס איז געווען די נאַכט פון ערשטן סדר. קיין ווייסער טישטוך איז ניט געווען. מצות און ווין איז ניט געווען. מאַרעק מיטן דאַרן און טונקעלן פּנים האָט געברומט פאַר זיך אַליין דעם ניגון פון חד־גדיה.

— „געווען אַ ציגעלע, אַ ציגעלע אַ קליינס, וואָס דער טאַטע האָט געקויפט פאַר צוויי גילדן".

דרויסן איז געווען די נאַכט פון ערשטן סדר. דער הימל איז געווען אַ בלויער און אַן אויסגעשטערנטער. וועכטער פון דער נאַכט זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך. עס האָט געוואַרט די מילע גאַס אויפן מאָרגנדיקן טאָג, אויפן צווייטן טאָג פון דער מלחמה אין געטאָ. אַ יונגער וועכטער האָט זיך גוט צוגעהערט, צי מען הערט ניט אַ גערויש פון די ווייטערדיקע גאַסן, האָט געהאַלטן אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום פּסחדיקן הימל און געציילט די שטערן.

קיין פלעשער ווין צו די כוסות זיינען ניט געווען, אָבער לייבושל האָט געציילט די פלעשער מיט בענזין, וואָס מען דאַרף האָבן אויפן מאָרגנדיקן טאָג, אויפן ערשטן טאָג פּסח, וואָס וועט זיין דער צווייטער טאָג פון אויפשטאַנד אין געטאָ.

☆

א. מ. ליליען

יהודה המכבי



א. מ. ליליען

דער יונגער משה

שלום אש

פסח אין ירושלים

ליכטיק האָט די לבנה געשיינט איבער ירושלים. ירושלים האָט געהאַט איינע פון יענע נעכט, ווען דעם מענטשן דאַכט זיך, אַז ער געפינט זיך נישט אין זיין באַקאַנטער וועלט, נאָר ער איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אַ וועלט פון חלומות. יעדעם בערגל און יעדן טאָל האָט מען געזען אין דער נאַכט, ליגנדיק איינגעשלאָפן אין דער לבנה־ליכט. הויך און גרויס זענען געשטאַנען די שטערן איבער ירושלים, ווי יעדער שטערן וואָלט געווען אַ נשמה פון אַ וועלט, און זיי שטייען אַלע וועלטן איבער ירושלים.

— — — — — — — — — — — — — — — —

יעדן טאָג גייט די זון אויף יום טובדיק איבער ירושלים, נאָר דעם טאָג פסח דאַכט זיך, אַז גאָט האָט צוריק געבאָרגט אויף דעם טאָג איר זיבן פאַכיקן שיין, וואָס ער האָט אַוועקגענומען פון איר אין דעם טאָג ווען דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן, — אַזוי ליכטיק האָט זי געשיינט. די פעלקער פון ירושלים האָבן געפייערט יום טוב, נאָר דעם גרעסטן יום טוב האָבן יידן אין ירושלים. יידן פון אַלע שולן, פון אַלע שטיבלעך, קומען יום טוב דאַווענען פאַרן כותל מערבי, פאַר די שטיינער, פאַר די עדות פון בית המקדש אויסצוגיסן דעם: „מפני חטאינו”.

עס קומען יידן פון אַלערליי געשטאַלטן... עס קומען פוילישע יידן, אין די שטריימלעך, אין שיך און זאָקן, אין די רייכע פלושענע בלוי־זיידענע קאַפּאָטעס, די ווייבער אין זייערע לויכטנדע שטערן־

טיכלעך, און זייערע זיידענע באַבלומטע טיכלעך האָבן אויסגעזען שטאָלץ און זיכער. עס קומען ספרדים אין זייערע שוואַרצע לאַנגע רעק, מיט די בלוי אַרומגעבונדענע קעפּ. די ערנסטע געזיכטער, די שוואַרצע בערד פון די הויכע, ברייט־ביינערדיקע יידן וואַרפן אַ טרויעריקן בליק אַרום זיך; טרויעריק און שטאָלץ איז דאָס געזיכט פון די ספרדים, ווי איבער זייערע פּנימער וואָלט געוועז אויסגעגאָסן דער צער פון גלות. אין זייערע אויגן ליגט דער שטאָלץ פון זייער אַלטן יחוס, רמב"ם־קעפּ, און יעדער פון זיי זעט אויס ווי אַ „נאַטאַן דער ווייזע” (נתן החכם), אַזוי שיינט די חכמה אַראָפּ פון זייערע הויכע שטערנס...

באַלד פלאַקערט אין דער זון עפּעס אויף... די בוכאַרער יידן זענען געקומען אַרומגעהילט אין זייערע זיידענע, רויט־פאַרביקע, גאָלד־באַוועבטע כאַלאַטן. שטאָלץ און הויך־מוטיק גייען זיי. אַרויסגענומען האָבן זיי פון זייערע קאַסטנס די ברייטע גאָלדענע פּאַסעקעס, מיט די גרויסע שלעסער און אויסגעצירט זיך לכבוד יום טוב. באַלד קומען אָן די תימנער, די קאָרדן, די אַראַבישע יידן, און צווישן זיי די רעק פון די טוריסטן. און באַלד וויקלט זיך דאָס אַלעס אין ווייסע טליתים. די כהנים הויבן אויף די הענט צו בענטשן, און עס דוכט זיך, אַז אָט באַלד, באַלד, וועט די גרויסע שטומע וואַנט, וואָס שווייגט תמיד, זיך צעשפּאַלטן, און מיר אַלע גייען אויף, גייען אויף ווייטער צום הר הבית...

ל. חיין

יום־טוב

(רעפּאָרטאַזש)

ש ר ה ׳ ל ע ן

אין אויבערשטן גליל.

בערג און טאָל זענען באַצירט אין גרינס און בלומען. די יונגע תבואות צוואַגן זיך אין דער שעפּעדיקער ליכט. די שיטערע ביימער נייגן זיך אַהין און אַהער אין אַ חנ׳עוודיקן שפּיל מיטן ווינט און שושקען דערביי סודותדיקע לידער. מזל־ברכהדיקע קוואַלן ציען זיך צעזילבערט פון בערג אַראָפּ אין דעם ברוגזדיקן חולה און צעגיסן זיך העט ווייט אין אַ זילבער־ציטערדיקן שפּיגל, באַשיצט מיט ריזי־קע זומפּן און גרויסע מרחקים אַרום. דער אַלטער חרמון מיט זיין שניי־קריסטאַלענעם קאָפּ ליגט צעלייגט בהרחבה אין אַ מאַיעסטעטיש שווייגן; יונגע ווייסע וואָלקנס, גרויסע און קליינע, רוקן זיך אָן יעדע רגע און וואַשן זיינע פאַרשנייטע הייכן, גלעטן די שנייאיקע לאָקן, וואָס הענגען פון די זייטן.

קלינגט פייערלעך אַ גלאָק פון ווייט.

טפּררר — טפּררר — ציען די בראָנזענע יונגען מיט כוח לע־דערנע לייצעס אויף צוריק, די פאַר׳עקשנטע פּרדות גיבן אַ דריי די האַלב אייזלישע, האַלב פערדישע קעפּ, דאָ אַהער, דאָ אַהין, און שטייען. די זילבערדיקע אַקער־אייזנס אַ שלעפּ אַרוים פון דער פעטער ערד, די פּרדות שפּאַנט מען אין וועגענער און מען ציט זיך דורך וועגן און שטעגן צו דער הייך פון תל־חי, און ווייטער אַרויף אין כפר־גלעדי.

די וועגן לעבן אויף מיט ברוינע פאַרשוויצטע יונגען פון אַלע זייטן, די קאַסעס אין די זאַפטיקע גראָזן הערן אויף צו קלינגען, די וועגענער ווערן דערלאַדן ביז צום הימל אַרויף, וויאָ־אָ־אָ.

און דער גלאָק קלינגט פייערלעך,מונטער.

בום־בום־בום־בום־בום־בום — — —

אין דעם גרויסן קי־שטאַל „כשרט" מען דעם דיל, מען גרייט נאַכטלעגער פאר די קי. דריי פוילע אָקסן נודען זיך אויף אייזערנע קייטן ביים שטאַל, און טון אַ טובה, וואָס זיי קייען הויפנס זאַפטיקן גראָז.

אין לאַנגן פערדן־שטאַל — איז אויך שוין אַלץ גרייט פאר די יונגע פאַרהאָרעוועטע בהמות, וואָס ציען זיך פון פעלד אַהער. אין דער דערבייאיקער שעפסן־ציגן שאַפע וויינען די עופהלעך שעפסע־לעך, זיי קאָנען זיך נישט דערוואַרטן אויף די מידע זאטע מאַמעס, נאָר די לצ'עוואטע ציגעלעך, אויסגעפוצטע אין סאמעט פון אַלע קאָלירן, שפרינגען און טאַנצן קאָפּ איבער קאָפּ אויף ווענט און קאָריטעס, און שעפּסעלעך מוזן בעל־כרחם זיך צוקוקן...

אין וואַש־שטוב האָבן די חברטעס שווער געהאָרעוועט ביז מען האָט די בערג לייוונטענע בגדים אויסגעבלאַנקט און אויסגעלאַטעט און אויסגעצערעוועט, די נייע בגדים געענדיקט, די שפּייז קאָמער איז פארפולט מיט פריילעכע פעקלעך, וואָס דער ביינאַכטיקער טאַנ־טראקט האָט געבראַכט פון דער וויטער שטאָט, די מעלקעריי בלאַנקט פון ריינקייט און די פאַליצעס זענען פול פון אויבן ביז אַראָפּ מיט מילכיקס.

די קיך רוישט ווי אַ בינשטאָק. די גרויסע, רחבותדיקע קיך זינגט און פרעגלט זיך מיט יום־טובדיקע שמעקעדיקע מאכלים. אַלטע טאַטע־מאַמע שמייען אַרום מיט אויסגעשווענקטע פלעשער צו זיך אין די שטיבלעך.

אין וואַש־צימער שערט מען לויטן תור אַלעמען: אַלט און יונג, מאַמעס און קינדער, דעם זיידן און די אייניקלעך. לכבוד יום־טוב האָט מען דעם גרויסן קעסל אויפגעקאָכט, לכבוד יום־טוב האָבן אַלע נייע מעסערלעך צום ראַזירן באַקומען — חוץ איינעם, וואָס האָט נאָכן אָנזייפן די בראָנזענע מאָרדע דערזען אז מען האָט אָן אים

פאַרגעסן, לויפט ער מיט דער אַנגעזייפטער מאָרדע און רוגזט זיך — אָדער אַ שפּיצל פון אַ ברודער, אָדער טאַקע פאַרגעסן.

בין השמשות אין אויסגעהאַרעוועטן גליל, ערב־פּסחדיקער בין השמשות.

די זון האָט צעצונדן די מתולה׳ער בערג אין גאָלדענע שׂרפות, פאַררוקט אַראָפּ צום ים־כּנרת, פון כּנרת צום כּרמל — פון כּרמל אין ים אַראָפּ. דער אַלטער חרמון נעמט אָנפּאַסן זיינע ביינאַכטיקע בגדים, און נאָך אים זיינע באַרגיקע קינדער, זיינע אייניקלעך און אוראייניקלעך און צו זיי די חולהער טאָלן, די זומפּן און די זיל־בערנע שפּיגלען.

מעסטן זיי די בגדים פון דין־דינעם פּורפּור, שפּעטער פון הימל און גאָלד, נאָך שפּעטער פון ציטערדיק־בלוילעכע טיולן, און שלאָפן איין אַלע (חוץ דעם קאָפּ פון חרמון) אין שוואַרץ סאַמעטענע שלייערס פון שווייגנס, און דער קאָפּ פון חרמון אין אַ מילך־זילבערנער הויב.

די ביימער, די גראָזן, די וועלדלעך און גערטנער, די בליענדיקע מאַנדלען און שפּראָצנדיקע עפּל פאַרוויגן מיט דופטן דעם גאַנצן גליל:

שאַ, ס׳איז יום־טוב היינט, יום טוב פון מענטשן נאָך אַ יאָר שווע־רער, ביטערער פּראַצע, פון שוויים, פון דוחק, פון שׂרפותדיקע טעג און פראָסטיקע נעכט!

גלין - גלאָן - גלין - גלין - גלאָן — — — —

ס׳ציען זיך פון צוויי עקן באַרג אין צוויי שטומע שטעגן באַ־טאַליאָנען אַלטע שעפּסן, בראש מיטן באַראָן פון חשובן עלטער.

בים, באָם, בים — באָם, גלין...

ס׳ציען זיך מחנות זאַטע קי מיט פולע אייטערס, אויסגעבענקטע, אויסגעפּאַשעטע, זאַטע און מידע בראש מיט דער בכבודיקער פּרה, אויך פון חשובן עלטער.

פון אונטן בחורים, יידישע פּאַסטוכער, מיט לאַנגע שטעקנס און זעקלעך אויף די פּלייצעס. און די שׂמחה אין שעפּסן־ציגן־שטאַל איז

אין לשער: קונדסים שפּרינגען אויף די ווענט, און די גאנצע מחנה זאָגט די הגדה — מע...

דאָס איז דער מעריב אין די שטאָלן פון יידישן ארבעטער־גליל צום ערשטן סדר פון פּסח.

די עס־שטוב מיט די ברידער־טישן פון כפר־גלעדי בלאַנקט פון ווייסקייט און יום־טוב; דער יום טוב שטראַלט אַרום פון יעדן פּיצל, פון יעדן ווינקל. די טישן אין ווייסן, די ווענט מיט עטלעכע שטיק־לעך אייגענעם גרינס צוגעשפּילקעט מיט אַקאַציעס, און פון די ווענט קוקן אַראָפּ בילדער, פון פינף לעבעדיקע, אַמאָל געפאַלענע ברידער צוזאַמען מיט א יידישער שוועסטער אין אַ צניעותדיקן שאַל געהילט, און די פינף לעבעדיקע, אַמאָל געפאַלענע ברידער מיט דער שוועסטער נידערן אַראָפּ פון די ווענט אין דעם זשומענדיקן עולם מיט די ווייסע העמדלעך, וואָס זיצן צעזונגען אַרום די פריילעכע טישן און קוקן צעשטראַלטע, מיט טאַטעשע און מאַמעשע הערצער אויפן סדר־קטן צווישן די טישן: אַ רונדער טיש, מיט אַ קראַנץ קינדער אַרום, לכבוד יום־טוב אין דער גרויסער עס־שטוב, די קינדער רוישן און שטיפן, א פארבענקטע באָבע - זיידע כאַפּן זיך אַראָפּ פון צימער אַ קוק טאָן אויף די נ יי ע אייניקלעך, די געזונטע, די פרישע יידישע שקצימלעך פון אויבערשטן גליל...

די חברים און חברטעס אין קיך האָבן שווער געהאָרעוועט אין ערב־יום־טוב און מיט אַלע קרעפטן געזוכט וואָס בעסער צו באַ־טעמ'ען די ברידער טישן; נישט אומזיסט האָבן זיי פאַרשוואַרצטע, מיט פריידיקע פּנימער א יעדע רגע פאַרוואָרפן א קוק צו די ברידער טישן. דאָס געזונטע קייען מיטן זאַפטיקן סמאַקעווען האָט זיי באַ־לוינט פאַר דער שווערער אַרבעט פון אַ גאַנצן טאָג, פון אַ גאַנץ יאָר.

נאָכן עסן פאַרגעסט מען די מידקייט פון אַ גאַנצן טאָג און פון אַ גאַנץ יאָר, די פּראָלעטאַרישע עולי־רגלים צוזאַמען מיט די גלילער־טראָגן די טישן אַרויס אין דרויסן, צעשטעלן די בענק אין די זייטן, אין ווינקל זינגט, דער צווייטער דערציילט, דער דריטער הערט

נייעם פון די שטאָטישע ברידער, פון די עולי־רגל אין גליל. דער מילך־זילבערנער הויב פון חרמון נעמט מיטאָמאָל זיך רויטלען, אַ פייערדיק גאָלד־ליכט צעשפּרייט זיך איבערן הימל, וואָס נידערט אַראָפּ אין דער נאַכטיקער חולה, אַ שפּיץ ברעם פון אַ שמייכלענדיק צופרי־דענער לבנה גיט אַ פינטל איבערן ראַנד פונעם באַרג־מאַסיוו און אין איין רגע שווימט זי אַרויס ווי אַ גראַציעזער שוואַן איבערן צעבריליאַנטעוועטן הימל און בלייבט אַזוי הענגען, כשופן און זיל־בערן דעם גאַנצן גליל. אין דער עס־שטוב וואַקסט זיך פאַנאַנדער אַ גרויסער ראָד פון יונגע בחורים, חברים און חברטעס. דאָ זינגט מען נישט דעם שטאָטישן „ווער וועט בויען דעם גליל". ניין, די ב ו י ע ר פון גליל שפּילן פּשוט אוים אויף אַ פּאַנישער האַרמאָש־קע א י י ג ע נ ע ניגונים, און דער ראָד פלאַקערט! בעת דער ראָד פלאַקערט, דריידלט זיך אין מיטן אַ קראַנץ פון יוגנט, און אייגעם אַזעלכן פאַרווילט זיך — דרייט ער אַריין אין דעם קראַנץ זיין באַזילבערטע באָרד, און אַזוי דרייט זיך דער סימבאָל פון היינט, פון מאָרגן, פון מוט און פון אַרבעט, ביז דער ריטם פאַרכאַפּט דעם שפּי־לער אויף דער האַרמאָשקע, דרייט ער זיך אויך מיט... אין דער גרויסער קיך וואַרפן אַוועק די מידע ברידער־שוועסטער דאָס וואַשן די כלים, פאַרוואַרפן פאַרטוכער אויפן אַקסל און דרייען זיך מיט נייע רעדער, מיט נייע קרענץ. טאַטע־מאַמע פאַרלאָזן ז יי ע ר סדר פון מרור און כרפס, כאַפּן זיך אויך אַראָפּ אין דער עס־שטוב, און אין ריטם, צוטופּנדיק מיט די אַלטע פיס פאַרלירט מען אַ טרער אין די קנייטשן פון פנים, אַ טרער וואָס מען רופט: נחת.

אַזוי ביז טאָג, ביז די פאַסטוכער מוזן אַרויספירן די סטאַדעס אין פעלד לויט דער רייע, מוזן גיין פאַרבראַקן פרעס פאַר די בהמות, אָדער מעלקן די קו.

ווען דער חרמון האָט אין באַגינען גענומען צוואָגן זיין קאָפּ מיט די קעפּ פון זיינע קינדער אין אַ שוים פון געדיכטע וואָלקנס, נאָך אַיידער די מתולה'ער בערג־שפּיצן האָבן זיך גענומען גילדן און צע־פלאַמען, האָט מען שוין געזען עטלעכע חברים זיך אַרומדרייען אין

הויף מיט אראָפּגעהאָנגענע הענט (נישט געוואוינט צו רוען אין אַזעלכע באַגינענס). מיט האַלבן געניץ באַטראַכט מען אַן אַקס פון אַ וואָגן, אָדער אַ ראָד פון אַן אַלטער אַקער־מאַשין, הויבט מען אויף אַ שטרויעלע (ווי אַ הונגעריקער אַ ברעקל פון ברויט) אָדער פאַר־בייגייענדיק גיט מען אַ גלעט דעם בלינדן שימל, אָדער אַ שעפּס האָט אַ האָרן פאַרבראָכן, און שוין אַ גאַנצע נאַכט פייניקט זיך אַ ציג — זי גייט שווער „צו־ציג", רייבט ער דעם שטערן וואָס איז פאַרשוויצט פון מוטערלעכע ווייען, שפּאַצירט איבער די שטאַלן פון קי און פערד, כאַפּט אַ גאַנדז און שלעפּט איר עפּעס אַ דאָרן אַרויס פון פיסל; צו־זאַמען מיט אים וועגן זיך אין טויאיקן באַגינען די קעמלען אין גאַנג, אויסגעפּוצטע, אויסגעשמירטע, אַרומגעוואַשענע. זיי וויגן זיך און שטרעקן אויס זייערע לאַנגע העלדזער צו די געזימסן פון די דעכער, ביז אַ יינגערער שטיפער לייגט אַרויף זיין אומעטיקע מאָרדע דעם יום־טובדיקן חבר אויפן אַקסל . . .

דער טוי גוססט אויף יעדן גרעזל, אויף יעדן בלעטל, אויף יעדן שפּראָצל און זעט אויס ווי קינדישע טרערן, וואָס קייקלען זיך נאָכן וויינען. נעמען די בערג אָנפּאַסן זייערע פרימאָרגנדיקע בגדים פון רויטלעך־וויאָלעטע טיולן, און אָנטקעגן דער אויסגעלאָשענער לבנה לאַכט אויף מיט אַ פייערדיקן געלעכטער די פּסחדיקע זון.

ווערט אַ רעש אין דער צווייטער זייט, וואו די הונדערטער עופות, גרויסע און קליינע, מאָנען פרישטיק. די הענער צעקרייען דעם הלל און מאָנען — ביז די חברטע באַווייזט זיך מיט פולע בלעכן אין ביי־דע הענט.

יינגערע, האָבן אַ גאַנץ יאָר געוואַרט אויפן יום־טוב. עס — ווערט מען דאָס אַ ביסל אַ שלאָף טאָן! האָבן זיי זיך טועה געווען — פונקט ווי אַלע טאָג האָבן זיי מיט זון־אויפגאַנג אויסגעהערט דאָס וואָרקען פון די טויבן איבערן קאַרמיטענעם דאַך; זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און געמוזט אויפשטיין ווי תמיד — באַגינען!

נאָך מיטיק צעשפּרייט זיך דער עולם איבערן שיינעם באַרג

אַרטור שיק

מרדכי און אסתר

און אין טאָל. פארהאַרעוועטע טאַטעס טראָגן ווי שפּילצייג אויף די הענט די טומלענדיקע קינדער. דער עולם האָט זיך צעשאָטן אין די וועלדלעך אָדער געשפּאנט וועגענער און געלאָזט זיך צו ברידער שכנים מיט געזאנגען. אראַבישע שכנים קומען ווינטשן אַ גוטן יום־טוב און פילן זיך ביי די טישן ווי ביי זיך אין דער היים; זיי פאַר־שטייען ברגש דעם יום־טוב פון אַ ברודער, וואָס רוט אַ טאָג נאָך אַ שווער יאָר פּראַצע און ליידן.

די שעפּסן געבוירן אין פעלד — ברענגט מען די עופהלעך אהיים, און די „קינפּעטאָרן" לעקט זיי, די לעקישעוואטע, מיט שעפּסישער ליבע.

איינער לויפט פארסאַפּעט צו די בינשטאָקן אויפן שפּוע פון בארג. „גזלנים" פון אַ צווייטן בינשטאָק זענען געקומען נאשן האָניק. קומט צוריק דער חבר אַ צעביסענער און טראָגט באהבה זיין האנט דער שוועסטער, וואָס באנדאזשירט אים, פרעגט אים צי ס'טוט ווי — עט, וועט ער ענטפערן, „שוין צוגעוויינט צו די בינען".

און אַזוי דאָ אין כפר גלעדי מאַנאַטאַנעוועט אַרוים, פון אַ צימער ערגעץ, אַ צעגענעצטער „ברכו נפשי" פון אַן אלטן טאַטן. ווערט נאָך בולטער דער אלטער עבר קעגן ל ע ב ע ד י ק ן היינט. און עס מאַכט זיך דוקא, אז דער „ברכו נפשי" האָט זיך צונויפגע־גאָסן מיט אַן אומעטיקן קלויסטער־גלעקל פונעם נאָנטן קריסטלעכן דאָרף, האָט עס געקלונגען מיט חוזק און מיט טיפן באדויערן...

די אַלטע טאַטע־מאַמע שטערט מען נישט אין זייער עלטער. אי טוען דאָ קיינעם גאָרנישט מיט זייער דאווענען, און ס'איז אַזוי, אַז יעדער פילט ווי ע ס ד א ו נ ט ז י ך א ו י ס א י נ ־ ג א נ צ ן...

חול המועד טראָגט דער זיידע פארנאַכט מיט ערנסט (אין ברי־ די קאַסע פארוואָרפן אויפן אַקסל פון איין זייט, און מיטן אייניקל, דעם פינף־יאָריקן גלילער, טראָגט ער פון דער צווייטער זייט אַ בינטל גראָזן פון פעלד, און די באָבע זיצט מיט די חברטעס אין וואָרשטאָט,

פארריכט און נייט און לאכט מיט, און לעבט מיט דער גאנצער שווע־
רער משא אירער.

יום־טוב צונאַכט, ווען אַ לייכטער נעפל גלעט די שטיינערנע מאַסיוון און זייעט פערעלעך טוי איבער די טאָלן פון גליל, שפּאַנט מען ווענענער, זינגענדיקע ווענענער, און מען לאָזט זיך פאוע די בערג, אַרויף צו־צו אין מתולה, צו דער איינציקער פיאנע פון גליל. וואו דער גרויער פּראָפעסאָר איז מהנה דעם בראָנזענעם אויסגעהאָרעוועטן עולם מיט די צאַרטע טענער פון בעטהאָווען, מיט די שטורמישע מאָטיוון פון פּאַגאַניני, מיט שטיקער לישט, שוּבערט, מאָצאַרט און אַנדערע. די שטוב איז איבערפולט. דער עולם זיצט פשוט אויף דער ערד. די צעעפנטע פענצטער ווייזן דעם פארחידושטן חרמון מיט זיין טיולענעם שלייער, און די טענער צעגיסן זיך בהרחבה אין די הערצער פון די אויסגעהאָרעוועטע גלילער, ביז דער פּראָפעסאָר בעט זיך קוים איין ביי דער חברטע מרים, די באַפרייטע תימנקע, זי זאָל עפּעס זינגען. לאָזט זי זיך אַ ביסל בעטן און זינגט זיך פאַנאַנדער מיט ליידנשאַפטלעך אומעטיקע ניגונים וואָס ריטמירן דעם צער פון תימן. נאָר יום־טוב צונאַכט אין ארץ־ישראלדיקן גליל הערט מען אַזוי זינגען אַזעלכע ניגונים!

אויף מאָרגן באַגינען רוישט דער בינשטאָק — כפר גלעדי, פונקט ווי פסח וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געווען.

און ס׳הענגט אין דער לופטן אַ שווערע דאגה:

רעגן, רעגן, דער מלקוש שפּעטיקט זיך!

י. גרויכבערג

רב אמנון

איינע פון די הייליקסטע תפילות וואָס פרומע יידן זאָגן אַלע ראש השנה און יום כפור, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „ונתנה תוקף". אין דער דאָזיקער תפילה ווערט געזאָגט, אַז ראש השנה און יום כיפור זענען די פּאַרכטיקע טעג, ווען דער גורל פון יעדן מענטשן ווערט פאַרשריבן און פאַרחתמעט אין הימל, איינעם ווערט פאַרשריבן אַ יאָר פון לעבן, געזונט און גליק, און אַן אַנדערן — אַ יאָר פון קראַנקייט, אומגליק אָדער חלילה טויט.

וועגן דער דאָזיקער תפילה ווערט דערציילט אַ טרויעריקע מעשה:

אין דער שטאָט מיינץ האָט אין מיטלאַלטער געלעבט אַ פרומער ייד, וואָס האָט געהייסן רב אמנון. רב אמנון איז געווען אַ גרויסער למדן, ער איז אויך געווען זייער רייך און זייער שיין. האָט זיך דעם בישאָף פון מיינץ זייער געוואָלט, אַז דער חשובער און שיינער ייד רב אמנון זאָל אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. נישט איינמאָל איז ער צוגעשטאַנען צו רב אמנון־ען און גערעדט צו אים מיט גוטן און מיט בייזן. דאָ האָט ער אים צוגעזאָגט מאַכן פאַר אַ מיניסטער. דאָ האָט ער אים געסטראַשעט מיט טויט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

איינמאָל, ווען דער בישאָף האָט רב אמנון־ען שטאַרק געמאַטערט און געפּאָדערט פון אים ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם יידישן גלויבן, האָט רב אמנון זיך אַרויסגעכאַפּט מיט די ווערטער: גיב מיר דריי טעג אויף צו באַטראַכטן זיך.

ווען רב אמנון איז אַהיימגעקומען, האָט ער ערשט דעמאָלט באַנומען וואָס זיינע ווערטער האָבן געמיינט: „איז ער נישט באַגאַנ־

גען די גרעסטע זינד קעגן גאָט, האָט ער געטראַכט, ווען ער האָט אפילו אויף איין מינוט זיך געוואקלט אין זיין גלויבן? פאַרדינט ער דען נישט די גרעסטע שטראָף וואָס אַ מענטש קאָן באַקומען?

אַ גאַנצע נאַכט האָט רב אמנון זיך געפּייניקט. ער האָט קיין אויג נישט צוגעמאַכט פון גרויסע יסורים. אזוי זענען אַוועק דריי טעג. ווען דער באַשטימטער טאָג איז געקומען, איז רב אמנון צום בישאָף נישט געגאַנגען. אומזיסט האָט דער בישאָף אים גערופן .. ער איז נישט געקומען — דער בישאָף האָט געשיקט זיינע באַוואָפנטע וועכטער און זיי האָבן רב אמנון'ען געבראַכט צו אים מיט געוואַלד.

— ווי וואַגסטו זיך קעגנשטעלן מיין ווילן? — האָט דער בישאָף געשריגן — האָסטו אַליין מיר נישט צוגעזאָגט צו געבן אַן ענטפער אין דריי טעג ארום?

— גרויסער האַר — האָט רב אמנון געענטפערט — ביסט גע־רעכט. די צונג וואָס האָט דיך אָפּגענאַרט פאַרדינט מען זאָל זי אויסשניידן!

— ניין — האָט דער בישאָף געענטפערט — נישט דיין צונג איז שולדיק, זי האָט אמת געזאָגט, נאָר דיינע פיס, וואָס האָבן דיך נישט געפאָלגט און זענען צו מיר נישט געקומען — זיי פאַרדינען די שטראָף. באַטראַכט דיך צום לעצטן מאָל: אָדער נעם אָן אונדזער גלויבן, אָדער איך הייס דיך אָפּהאַקןביידע פיס.

— האַק אָפּ מיינע גלידער, נאָר לאָז הייליקן גאָטס נאָמען — האָט רב אמנון געענטפערט.

און אזוי האָט מען געטאָן: שטיקערווייז האָט מען אָפּגעהאַקט די פיס, דערנאָך די הענט, אָבער רב אמנון איז געבליבן ביי זיינס. אַ צעקאַליעטשעטן האָט מען אים אַהיימגעבראַכט. אויף מאָרגן איז אויסגעפאַלן דער צווייטער טאָג ראש השנה.

רב אמנון האָט זיך געבעטן: טראָגט מיך מיטן בעט אין שול



אַרטור שיק

קריעת ים־סוף

אריין. מען האָט געטון זיין בקשה. פונקט ווען דער חזן האָט געזאָלט אָנהייבן די תפילה „קדושה" איז רב אמנון אריינגעטראָגן געוואָרן אין שול אריין. „חזן" — האָט רב אמנון געבעטן מיט אַ שוואַך קול — „וואַרט אַ רגע און לאָזט מיך הייליקן גאָטס נאָמען". דער חזן איז אַנטשוויגן געוואָרן און רב אַמנון האָט מיט אַ ציטערדיק קול געלייענט זיין אייגענע תפילה. זיין תפילה פון הארצן: „ונתנה תוקף". ווען רב אמנון האָט געענדיקט איז אים אויסגעגאַנגען די נשמה און די לעגענדע דערציילט אַז זיין גוף איז פלוצלונג נישט געוואָרן.

נאָר די זעלביקע נאַכט האָט זיך רב אמנון באַוויזן דעם רבין רב קלונימוס אין חלום און אים אויסגעלערנט די תפילה „ונתנה תוקף" כדי זי זאָל געזאָגט ווערן אַלע ראש השנה און יום כיפור.

דאָס איז די טרויעריקע געשיכטע פון רב אמנון.

א. ליעסין

די וואונדער געשיכטע פון חנוכה

די נביאים פון גאָט דאָס זיינען שטענדיק געווען די נביאי האמת, וועלכע זענען אויך געווען די קעמפער פאַר די אָרעמע און אונטער־דריקטע קעגן די רייכע און אונטערדריקער; בעת די נביאים פון בעל, די נביאי השקר, זענען געווען די דינער פון די רייכע, די קנעכט פון די אונטערדריקער. מיט פלאַמיקן מוט פלעגן די געטלעכע נביאים שליידערן דעם אמת די הערשער אין די פּנימער אריין, און מיט פריידיקער מסירת נפש פלעגן זיי גיין דערפאַר אין געפענגעניש, אויף ענויים, אויף טויט; בעת די פאַלשע נביאים פלעגן זיך חנפענען צו די הערשער און פראָפעצייען ווי מען פלעגט פאַרלאַנגען פון זיי, און זיי פלעגן צושטימען אויף יעדער אומגערעכטיקייט און פאַר־שווייגן יעדע נידערטרעכטיקייט.

און אזוי איז אויך געווען די צייטן פון אַנטיוכוסן. בעת די אַסי־מילאַטאָרן, אַפילו די מעסיקערע, האָבן זיך געחנפעט צום דעספּאָט, אויסגעזויגן, צוזאמען מיט אים, דעם אָרעמען מענטשן, און געדריקט און געשטיקט אים, האָבן די פרומע פּאַטריאָטן זיך געשטעלט קעגן דעספּאָט און מיט דער גרעסטער מסירת נפש געקעמפט פאַר די אָרעמע מאַסן. דאָס זענען געווען די גייסטיקע יורשים פון די אַמאָ־ליקע געטלעכע נביאים. דער קאַמף פאַר גאָט און זיין תורה איז ביי זיי געווען איינס מיטן קאַמף פאַרן אָרעמאַן און זיין אויסלייזונג און זיין באַפרייונג. און איינער פון די פלאַמיקסטע און מוטיקסטע צווישן די פרומע פּאַטריאָטן איז געווען דער זקן מתתיהו בן יוחנן.

ער איז געווען א כהן פון מודעית, א קליין שטעטל אין א באַר־גיקער געגנט, נישט ווייט פון ירושלים. אזוי ווי אַלע דאָרפישע כהנים, איז ער געווען נאָענט צום איינפאַכן פויערים־פאָלק און דערווייטערט פון די העכערע כהנים פון ירושלים און זייער אויפגעבראַכט אויף

זיי, וואָס זיי האָבן פאַרשוועכט זייער כהונה און געביטן זייערע יידישע נעמען אויף גריכישע און די יידישע זיטן אויף די גריכישע און צום סוף אויך געביטן די יידישע אמונה אויף דער גריכישער און פאַראַטן זייער פאָלק און לאַנד, אַזוי ווי זייער גאָט. און געקלאָגט האָט מתתיהו אויפן טאָג ווען זייער מוטער האָט אים געבוירן צו זען דעם בראָך פון זיין פאָלק, ווי וויג־קינדער ווערן דערשטיקט אין די גאַסן און די בליענדיקסטע בחורים ווערן געפירט צו דער שחיטה.

די גריכיש־סירישע חיילות, געפירט פון די יידישע פאַרעטער און שפּיאָנען, האָבן זיך אומגעטראָגן איבער ארץ ישראל, ווי בייזע רוחות, און געזוכט די פרומע פאַטריאָטן און געצוואונגען די מאסן עובר צו זיין אויף די יידישע געבאָטן און פאַרפאָלגט צום טויט די ווידערשפּעניקע. אַ קאָמפּאַניע סאָלדאַטן איז אָנגעקומען אויך אין דער פאַרוואָרפענער מודעית און אויפגעשטעלט דאָרט אַ מזבח און צונויפגעטריבן אַלע יידן פון געגנט און געצוואונגען זיי מקריב צו זיין קרבנות פאַר די גריכישע געטער. דאַן האָבן זיי זיך געווענדעט צו מתתיהון, ווי צום עלטסטן און אָנגעזעענסטן מאַן, אַז ער זאָל דער ערשטער געבן דעם ביישפּיל צו פאָלגן דעם באַפעל פון קעניג אנטיו־כוס, ווי עס טוען אַלע פעלקער פון גרויסן און ברייטן גריכיש־סירישן קעניגרייך, און זיי האָבן אים פאַרשפּראָכן צו באַלוינען דערפאַר מיט גאָלד און זילבער און טייערע מתנות.

האָט זיי מתתיהו שטאָלץ געענטפערט:

„מעגן זיך אַלע קנעכט פון דעם קעניג, אַלע, אַלע פעלקער פון דעם קעניגרייך זיך אָפּקערן פון דעם גאָט פון זייערע עלטערן און פאָלגן דעם קעניג — איך און מיין משפחה וועלן זיך נישט אָפּקערן רעכטס אָדער לינקס פון די געזעצן פון אונדזערע עלטערן... מיר וועלן די באַפעלן פון קעניג נישט פאָלגן און אונדזערע געזעצן וועלן מיר נישט פאַרבייטן אויף די געזעצן פון דעם קעניג".

און ווען מתתיהו האָט באַמערקט ווי אַ ייד, אַ משומד, איז אַרויס־געקומען פאַרן פאָלק און צוגעגאַנגען צום מזבח מקריב צו זיין אַ קרבן, האָט אין אים אויפגעפלאַמט דער צאָרן, און ער האָט זיך אַ

וואָרף געטאָן אויף אים און געטויט אים און אויך געטויט דעם הויפּט־מאַן פון דער קאָמפּאַניע און צעשטויסן דעם מזבח.

דאָס איז געווען דער סיגנאַל צו דעם גרויסן אויפשטאַנד.

מתתיהו האָט זיך אַוועקגעלאָזן איבערן שטעטל און געוואָרפן מיט אַ מעכטיקער שטים: „ווער איז דער מאַן וואָס שטאַרקט זיך צו האַלטן דעם בונד פון גאָט זאָל גיין נאָך מיר!" און זיינע פינף העל־דישע זין און פיל אַנדערע העלדישע מענער זענען אַוועק נאָך אים. און די וואונדערלעכע בשורה, אַז עס איז אויפגעשטאַנען אַ נקמה נעמער און אַן אויסלייזער, האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבערן לאַנד און פיל פאַרביטערטע מענטשן האָבן פאַרלאָזן ירושלים און אַנדערע ערטער און זענען אַוועק נאָך אים.

אין די בערג פון דעם מדבר האָט זיך מתתיהו אויסבאַהאַלטן און געזאַמלט דאָרט זיינע מחנות, און ווי ווילד־פייער האָט דער אויפ־שטאַנד ארומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. פון אַלע זייטן האָבן זיך געלאָזן צו אים אין מדבר טויזנטער מוטיקע, אַנטשלאָסענע קריגער, גרייט צו קעמפן מיטן שווערד אין האַנט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט קעגן די צוררים. די אַרמיי פון די פרייהייטס־קעמפער איז אַלץ גע־וואַקסן. און ווען מתתיהו האָט זיך געפילט שטאַרק גענוג, איז ער אַרויס פון זיינע באַהעלטענישן אין די בערג און געטראָפן זיך מיטן פיינט פנים צו פנים אין אָפענעם פעלד.

דער פיינט איז געווען פיל מעכטיקער, צאָלרייכער, פיל בעסער צוגעגרייט, פיל בעסער באַוואָפנט. דער וואונדערלעכער זקן האָט אים אָבער אָנגעגריפן וואו נאָר די אומשטענדן זענען פּאַסיק געווען פאַר אַ פּלוצלונגדיקן איבערפאַל. בראש פון זיין מוטיקן חייל איז ער אומגעגאַנגען איבער די פּראָווינסטע שטעט און דערפער און וואו נאָר ער איז דערשינען, האָט ער געבראַכט פאַר די פאַרומגליקטע און פאַרצווייפלטע אַ גרויסע טרייסט און אַ גרויסע אויפמונטערונג. ער האָט צעשמעטערט אומעטום די געצן און צעשטויסן די מזבחות און געטויט די פאַרעטער און געאידישט די קינדער און אויפגעפייערט די דערוואַקסענע צום גרויסן קאַמף פאַר אויסלייזונג און באַפרייונג.

אַ קנאַפּן יאָר האָט דער זיבעציק־יאָריקער זקן אָנגעפירט דעם אויפשטאַנד און זיינע כוחות האָבן צום סוף נישט אויסגעהאַלטן און ער איז פון אָנשטרענגונג אויסגעגאַנגען. באַוויינט פון כל ישראל, האָט מען אים געבראַכט צו קבר אבות אין מודעית.

מתתיהו האָט געוואוסט, אַז די גרויסע מלחמות האָבן זיך ערשט אָנגעפאַנגען, אַז די קרעפטן פון דער גרויסער גריכיש־סירישער מלוכה אין אַזיע און אין אַפריקע וועלן זיך לאַנג, לאַנג נישט אויסשעפּן. און ער האָט געוואוסט, אַז אַט די מעכטיקע וועלט־מלוכה וועט אָנווענדן אַלע, אַלע קרעפטן אירע צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד פון אַ קליי־נעם, שטאָלצן פאָלק אין אַ קליינער פּראָווינץ, וואָס ליגט אָבער אויף די גרויסע וועגן צווישן בבל און מצרים. דאָך האָט מתתיהו באַ־גייסטערט געגלויבט אין דעם ענדלעכן יידישן נצחון. ער האָט באַ־גייסטערט געגלויבט אין דער געטלעכער אויסדערוויילטקייט פון פאָלק ישראל צו טראָגן צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט אַ גרויסע און דערהויבענע שליחות. און ער איז געשטאָרבן מיטן באַגייסטערטן גלויבן, אַז „סוף כל סוף וועלן די שוואַכע באַזיגן די שטאַרקע, די ווייניקע וועלן באַזיגן די פיל, די צדיקים וועלן באַזיגן די רשעים”.

פינף זין האָט מתתיהו איבערגעלאָזן — יוחנן, שמעון, יהודה, אליעזר און יהונתן, און ער האָט זיי אַלעמען פאַר זיין טויט באַ־שוואוירן, אַז זיי זאָלן ביזן לעצטן אָטעם־צוג אָנפירן דעם הייליקן באַפרייונגס־קאַמף. און אַלע האָבן זיי ביזן סוף די שבועה געהיט. קיין איינער פון די פינף איז מיט אַ נאַטירלעכן טויט נישט גע־שטאָרבן; אַלע האָבן זיי ביזן סוף געקעמפט און געפאַלן אין קאַמף און סוף כל סוף אויסגעקעמפט די אויסלייזונג און די באַפרייונג פון יידישן פאָלק.

* * *

דאָס איז די חנוכה־געשיכטע — די לויכטנדיקע געשיכטע פון שוואַכע, וואָס האָבן באַזיגט שטאַרקע, פון ווייניקע וואָס האָבן באַ־זיגט פיל, ווייל די ווייניקע און די שוואַכע זענען געווען די צדיקים

וואָס האָבן געקעמפט קעגן רשעים פאַר אַ גרויסער און הייליקער זאַך, און אַלע, וואָס קעמפן פאַר אַ גרויסער און הייליקער זאַך מוזן סוף כל סוף זיגן, ווי ווייניק און ווי שוואַך זיי מעגן זיך זיין פון אָנפאַנג.

אין אַמאָליקע יאָרן — ווערט דערציילט אין תלמוד — פלעגט מען אָנצינדן די ליכטלעך פון חנוכה אויף דער גאַס, אַנטקעגן די טירן פון די הייזער. שפּעטער אָבער, ווען די צרות און די רדיפות אויף יידן זענען געוואָרן גרויס, האָט מען זיי גענומען אָנצינדן אינע־ווייניק אין די הייזער, ביי די פענצטער.

די צרות און די רדיפות האָבן אָבער פאַרטריבן די יידישע אילו־מינאַציע נישט נאָר פון די גאַסן אין די הייזער אַריין, זיי האָבן זי פאַרטריבן אויך פון די יידישע הערצער. עס איז זאָנדערבאַר, ווי ווייניק דער תלמוד און די אַלטע יידישע ספרים רעדן וועגן חנוכה. דער היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס, וואָס האָט געלעבט אין צייט פון צווייטן חורבן, דערציילט נאָך וועגן די חנוכה־ליכטלעך, אַז פייער איז דער סימבאָל פון באַפרייונג. פאַר די שפּעטערדיקע יידן אין לאַנגן און פינצטערן גלות איז שוין אָבער די אידעע פון אַ באַפריי־אונגס־קאַמף ווילד־פרעמד געווען. זיי זענען שוין איינגעוואוינט גע־ווען צו לעבן מיט נסים און צו דערקלערן אַלץ אַרום מיט נסים. זיי האָבן אויפגעהערט פאַרשטיין דעם זין פון די געוואַלדיקע אָנשטרענ־גונגען און מלחמות, וואָס יידן האָבן געפירט קעגן די טיראַנען פון זייער פאָלק. אין דעם „סימבאָל פון באַפרייונג" האָבן זיי געזען נאָר אַ נס מיט אַ לעמפל, וואו עס איז געווען בוימל אויף אַ טאָג און האָט פונדעסטוועגן געברענט אַכט טעג; די גאַנצע העלדן־געשיכטע פון חנוכה איז ביי זיי איינגעשרומפן געווען אין דעם נס.

ערשט אין דער גאָר לעצטער צייט האָט דער נייער נאַציאָנאַל־געשטימטער ייד אויפגעפירט חנוכה פון דער גרויער וואָכעדיקייט און געגעבן דעם יום טוב אַן ערן־פּלאַץ צווישן די שענסטע יידישע ימים טובים. דאָס זענען די ליכטיקע דערינערונגען ווי אַ קליינע, שוואַכע, אונטערדריקטע אומה האָט באַזיגט אַ גרויסע, מעכטיקע דעספּאָטיע. און אָט די דערינערונגען שטראַלן דאָס אויף צוריק אין

די הערצער; ווי אַ סימבאָל פון באַפרייונג לייכטן זיי פאַר אונדז צו־ריק די חנוכּה־ליכטלעך.

קעגן יעדן הונדערט קעמפער פלעגט דער גריכיש־סירישער דעמ־פּאָט אַרויסשטעלן פיל טויזנטער — נישט אין ערך בעסער באַוואָפנ־טע און געלערנטע אין מלחמה־פירונג. די יידן האָבן אָבער געקעמפט פאַר זייער אמונה און זייער פרייהייט. און זיי האָבן געקעמפט מיט אַ גבורה וואָס האָט זעלטן וואו צו זיך אַ גלייכן אין דער געשיכטע.

„פאַר אונדזער פאָלק און אונדזער גלויבן, פאַר אונדזערע פרויען און אונדזערע קינדער!" — דאָס איז געווען דער פייערדיקער מלחמה־רוף מיט וועלכן מתתיהו און נאָכדעם זיין זון יהודה המכבי פלעגן זיך וואַרפן מיט זייערע קליינע חיילות אויפן שונא. און די גרויסע און מעכטיקע גריכיש־סירישע אַרמייען פלעגן איינע נאָך די אַנדערע אונטער די קלעפּ פון די יידישע גבורים צעשלאָגן און פאַרניכטעט ווערן.

* * *

דאָס איז די לויכטנדיקע חנוכּה־געשיכטע, די וואונדער־געשיכטע פון אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי קליין און שוואַך און איז פונדעסטוועגן נישט באַזיגט געוואָרן, דורך טויזנטער יאָרן צרות און רדיפות נישט באַזיגט געוואָרן, פון די שטאַרקע און פיל רשעים פון אַלע דורות נישט באַזיגט געוואָרן.

די חנוכה־ליכט

מ. ראזענפעלד



אָ, איר קליינע ליכטעלעך!
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מעשהלעך אָן א צאָל;
איר דערציילט פון בלוטיקייט,
בריהשאפט און מוטיקייט,
וווּנדער פון אמאָל.

ווען איך זע אייך שמינקלענדיק
קומט א חלום פינקלענדיק,
רעדט אן אלטער טרוים:
ייד! דו האָסט געקריגט אמאָל,
ייד! דו האָסט געזיגט אמאָל״. —
גאָט! דאָס גלויבט זיך קוים...

ס׳איז ביי דיר א טאָלק געווען,
ביסט אמאָל א פאָלק געווען,
האָסט אמאָל רעגירט;
האָסט אמאָל א לאנד געהאט,
האָסט אמאָל א האנט געהאט!
אך, ווי טיף דאָס רירט!

אָ, איר קליינע ליכטעלעך!
אייערע געשיכטעלעך
וועקן אויף מיין פיין:
טיף אין הארץ באוועגט עס זיך,
און מיט טרערן פרעגט עס מיך:
וואָס וועט ווייטער זיין?